גליון נה
פרשת מקץ תשפ"ד

# צום פינטל

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### די באהאלטענע חכמה פון יוסף הצדיק

### דער 'נער' ווערט א חכם

דער 'שר המשקים' האט פארגעסן פון יוסף, 'ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו', אבער ווען ס'האט זיך אים גאר וויכטיג אויסגעפעלט, האט ער זיך פלוצלינג דערמאנט פון דעם יוסף, פון דעם ביליגען 'עבד' דארט, 'ושם אתנו נער עברי עבד לשר הטבחים'. מ'איז געלאפן און מ'האט ארויס געשלעפט דעם 'נער' פונעם בור, מ'האט אים גערייניגט, און מ'האט אים געשטעלט פאר פרעה.

שטייט אזוי 'יוסף הצדיק' פאר פרעה מיט די גאנצע נער'נות און בטלנות, 'בלעדי', ער איז אין זייער א שפלות'דיגע מצב, ער ווייסט נישט גארנישט, 'אלקים יענה את שלום פרעה', וואס דער אייבישטער וועט אים אריינגעבן אין מויל דאס וועט ער זאגן.

אבער פלוצלינג האט זיך די גאנצע מצב איבערגעדרייט, יוסף איז פותר חלום פאר פרעה, און פרעה רופט זיך אָן 'הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו', פון די געציילטע ווערטער איז יוסף'ס 'סטאַקס' געגעבן א שיס ארויף, 'אין נבון וחכם כמוך', פלוצלינג פון איין רגע אויפן צווייטן, איז יוסף הצדיק געווארן העכער יעדן איינעם. דער ביליגער 'עבד', דער 'נער', איז געווארן דער קליגסטער מענטש אויף דער וועלט.

יוסף זעלבסט איז געווען די זעלבע קלוג פארדעם ווי נאכדעם, ער האט שוין געהאט 'פותר חלום' געווען פארן 'שר המשקים', ער איז פון אלעמאל געווען גאר א קלוגע מענטש, איז וואס איז יעצט דא געשען ביי פרעה, יעצט האט פרעה עס פשוט אנערקענט, יעצט איז ער געווארן אנערקענט ביים גרעסטען פון לאנד, פרעה אליינס האט גע'פסק'נט אז דער יוסף איז גאר קלוג, ער איז אסאך קלוגער פון יעדעם איינעם, כתוב וחתום.

(יוסף האט נישט געחלומט מ'זאל אים נעמען, ער האט געזאגט 'עתה ירא פרעה איש נבון וחכם וכו', אבער פונעם אייבירשטן איז געווען אזוי, אז פרעה האט דערזען אין יוסף דעם איש נכון וחכם).

### חכמת המסכן בזויה

ס'איז יתכן אז א מענטש זאל זיין גאר קלוג, אבער זיין קלוגשאפט ווערט נישט אנערקענט, ער קען זוצן און שמאכטן אין תפיסה צוזאמען מיט זיין

**פון די געציילטע ווערטער איז יוסף'ס 'סטאַקס' געגעבן א שיס ארויף, 'אין נבון וחכם כמוך', פלוצלינג פון איין רגע אויפן צווייטן, איז יוסף הצדיק געווארן העכער יעדן איינעם. דער ביליגער 'עבד', דער 'נער', איז געווארן דער קליגסטער מענטש אויף דער וועלט**

גרויסע קלוגשאפט, נישט אלעמאל איז מוכרח אז זיין קלוגשאפט גייט באקומען חשיבות, א קלוגשאפט וואס האט נישט קיין 'רעטינג' אין די וועלט, ס'איז נישט אנערקענט געווארן, האט באמת נישט קיין ווערט אין וועלט, אפילו ס'איז באמת מורא'דיג קלוג.

די פסוק זאגט אין קהלת 'וחכמת המסכן בזויה', קענסט זיין זייער קלוג אבער אויב האסטו נישט די כבוד און געלט, וועט דיך קיינער נישט אויסהערן, קיינער וועט דיך נישט אנערקענען אז די ביסט עפעס ווערט. דער 'שר המשקים' האט געפילט א ביליגקייט אין יוסף הצדיק, נער עברי עבד, טראצדעם וואס ער האט געוויסט זיין מורא'דיגע חכמה, ווייל למעשה איז ער א פרעמדער, א עבד, ער איז א ארימע שלעפער, וועט נישט העלפן גארנישט, מעג ער זיין מורא'דיג קלוג, ס'וועט נישט ברענגען צו געבן אנערקענונג.

געלט כבוד און אנערקענונג איז א עקסטערע זאך, ס'האט נישט מיט די 'חכמה' קיין שייכות, מ'קען זיין א נער און באקומען אנערקענונג, און מ'קען זיין א חכם און נישט באקומען קיין שום אנערקענונג. אזיווי ווען א מענטש האט א זאך צו פארקויפן, ס'קען זיין גאר א גוטע זאך, מענטשן וועלן זוכער שטארק הנאה האבן פון דעם, אבער אויב ס'האט נישט באקומען א גוטע מארקיט, וועט עס נישט גיין, די זעלבע זאך איז מיט א מענטש זעלבסט, א מענטש קען זיין גאר קלוג און טלאנטפול, אויב אבער איז ער מחמת איזה סיבה נישט געווארן גוט ארויס געשטעלט אויפן מארקיט, וועט דעם מענטש'ס מעלות נישט ווערן אנגענומען.

דאס איז וואס יעצט געשען די גרויסע זאך, פרעה מלך מצרים - דער שפיץ פונעם לאנד, ער האט אנערקענט אין די קלוגשאפט פון יוסף הצדיק, די חכמה פון יוסף איז געברענגט געווארן צום ריכטיגן פלאץ, ס'איז גוט ארויס אויפן מארקיט, און יוסף איז געווארן אנגענומען פאר א 'משנה למלך' אנצופירן אלע זאכן פון מצרים.

אנערקענאנג, רעקעגנישנס (הכרה - **recognition**), איז גאר א טייערע זאך אויף דער וועלט, מ'קען האבן מורא'דיגע כוחות, אבער ס'מיינט נאך נישט אז מענטשן וועלן דיך אנערקענען, יוסף הצדיק האט געהאט מורא'דיגע כוחות, און נאכאלץ - אין די ערשטע האלב פון זיין לעבן - איז נישט געווען באשערט אז מ'זאל אים אנערקענען, זיינע ברידערס האבן אים אוועקגעווארפן, און אפילו זיין טאטע וואס האט אים מורא'דיג ליב געהאט, אבער ווען ס'איז געקומען צו די נושא, מכיר צו זיין זיינע אויסטעלישע כוחות, האט אויך זיין טאטע עס אוועק געמאכט (ואביו שמר את הדבר איז נאר געווען אינדערוויניג אין הארץ).

המשך בעמוד הבא

## קץ שם לחושך

אבער 'קץ שם לחושך' אין די ריכטיגע מינוט האט זיך אלעס איבערגעדרייט, אין די ריכטיגע מינוט האט מען אנגעהויבן צו אנערקענען אין אים אויף א מורא'דיגע דרגא, אלע מיט איינמאל האבן אויסגעשריגן 'אברך', ס'איז נישטא זיינס גלייכן. אויב ס'איז נישט דא זיינס גלייכן, ווי ביסטו געווען ביז יעצט, ווי ביסטו געווען ווען ער איז געזעצן און געשמאכט אין תפיסה. אבער אזוי גייט עס, יעצט איז אנגעקומען די זמן, יעצט זענען זיינע מעלות דא, פארדעם זענען זיי נישט געווען, ס'איז נישט געווען באשערעט אז זיי זאלן נתגלה ווערן, כאילו זיי זענען נישט געווען בכלל.

יוסף הצדיק האט געחלומט גרויס, נאך אין די יונגע יארן ביים טאטן האט ער געחלומט גאר גרויס, ער האט געפילט זיינע גרויסע כוחות, אבער די יארן לויפן און קיינער איז נישט מכיר אין דעם, פוטיפר דער געמיינער גוי איז מכיר אין יוסף'ס כוחות, יוסף'ס צער איז נישט צו פארשטיין, ער זעט ווי זיינע קעניגליכע כוחות ווערן פארנוצט פאר פרעמדע, און ווי דערטראגט מען נאך אז דער פוטיפר נעמט דיך און שליידערט דיך אריין אין תפיסה, אינדרויסן האט עס א פנים ווי ער איז דער גרעסטער 'בעל עבירה' ח"ו, ווען באמת ווייסט ער אז לפי זיינע כוחות איז ער דער שפיץ פון דער וועלט.

די חז"ל זאגן 'קץ שם לחושך, זמן נתן לעולם כמה שנים באפילה'. קענסט זיין די געלאנגסטע מענטש אויף דער וועלט, נאכאלץ איז דא א זמן, ווילאנג ס'איז נישט באשערט וועט נישט העלפן קיין פדינו ומצילנו. די האסט טאקע מורא'דיגע כוחות און איידיאוס, ס'טוט דיך זייער ווי, היתכן קיינער איז נישט מכיר אין מיינע כוחות, אבער ס'העלפט נישט גארנישט, ווי לאנג ס'איז באשערט חשכות איז דאס די מציאות, מיט דיינע אלע געלאנגענע כוחות.

אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו' זה יוסף, יוסף הצדיק האט געפילט זיינע אלע כוחות, ס'האט אים אודאי געברענט ארויס צו ברענגען זיינע כוחות 'מכח אל הפועל', אבער ער האט פארשטאנען אז אזוי דארף יעצט זיין, דער זעלבער באשעפער וואס האט אים געגעבן די אלע כוחות, דער זעלבער באשעפער וויל אז 'לעת עתה' זאלן זיינע כוחות זיין פארדעקט, ער האט געגלייבט אז ווען ס'וועט קומען די ריכטיגע מינוט, און זיינע אלע כוחות וועלן ארויסקומען בשלמות.

## יוסף איז פארגעסן געווארן

בטבע איז זייער וויכטיג פאר א מענטש אז זיינע ארומיגע זאלן מכיר זיין אין זיינע כוחות, אויב נישט פאנגט דער מענטש זעלבסט אָן אונטער צושאצן זיינע כוחות. איז לאמיר זיך פארשטעלן די צער פון יוסף הצדיק ווי דער גאנצער וועלט האט פארגעסן פון אים, קיינער איז נישט אונטערסידרט צו זען זיינע כוחות, אין די יונגע יארן ביים טאטן האט ער ארויסגעקוקט אויף גרויסע זאכן, די חלומות און אזוי ווייטער, און דא טרעפט ער זיך טיף אין א בור אין מצרים, אויך די ברידערס האבן אים אוועקגעווארפן, און להבדיל פוטיפר האט אים אויך אוועקגעווארפן, און אויך דער שר המשקים האט פארגעסן פון אים, סך הכל די גאנצע וועלט האט פון אים פארגעסן, ער איז אריינגעפאלן אין א מצב פון שכחה, 'וישכחהו'.

ער דער גרויסע יוסף הצדיק וואס האט געפילט אמאל מורא'דיגע כוחות, יעצט פילט ער ווי אלעס איז געווען נישט מער ווי א שיינער חלום, ער פאנגט אָן אוועק מאכן אלע זיינע כוחות. דער יוסף הצדיק וואס האט די גרעסטע כוחות אין די וועלט, די יודישע וועלט און להבדיל א"ה די גוישע וועלט, ער זיצט אין תפיסה און קיינער איז נישט אונטערסידרט אין אים.

וויל ער נאר אנפאנגן ארויס צו ברענגען זיינע כוחות, ווערן זיי גלייך פארדעקט, ביים טאטן אינדערהיים האט ער געוואלט אנפאנגן ארויס צו ברענגן זיינע כוחות, האבן די ברידערס אים נישט געלאזט, זיי האבן אפשר דוקא געוואלט אז זיינע כוחות זאלן נישט ארויסקומען, אודאי איז דא אין דעם גרויסע סודות, אבער פאר אונזער וועלט זעט מען ווי שטארק יוסף'ס כוחות זענען פאדעקט געווארן. אויך ווען ער איז שוין אנגעקומען צו פוטיפר און אביסל מצליח געווען, האט אים פוטיפר פארטראסקעט מיט א מיאוסע בלבול, אפילו פוטיפר האט גוט געוויסט די סעפציעלע כוחות פון יוסף הצדיק, אבער נאך אלעמען, דאס העלפט נישט פאר די כללות'דיגע חשיבות און אמת'ע הערכה, פארט איז יוסף דער עבד, עברי, און נער.

במיוחד איז געווען שווער פאר יוסף די לעצטע צוויי יאר, דער 'שר המשקים' האט דאך גוט געזען די כוחות פון יוסף הצדיק, און נאכאלץ האט ער פארגעסן פון אים, בעסער געזאגט ער האט זיך געמאכט פארגעסן, וואס דאס מיינט אז יוסף איז נישט ווערט געווען אין זיינע אויגען קיין 'שוה פרוטה', יוסף איז נישט ווערט געווען ביי אים אז ער זאל אים געדענקן, מיט די אלע גרויסע זאכן וואס ער האט געזען ביי אים. און יוסף האט אודאי דאס אלעס געפילט, דא האט ער אים אזא טובה געטון מיטן פותר חלום זיין, און דא איז ער אים נישט מחשיב אפילו פאר א סענט.

## זכרתני והזכרתני

די חז"ל זאגן אז ווייל ער האט געזאגט 'כי אם זכרתני והזכרתני' האט ער געדארפט זיצן נאך צוויי יאר. אלע פרעגען, ס'איז דאך דא א חיוב השתדלות, אויך פרעגט מען אז דער מדרש איז זיך סותר, דער מדרש פאנגט אן אז יוסף אז דער בעל בטחון, 'אשרי הגבר אשר שם ה מבטחו - זה יוסף', און נאכדעם זאגט דער מדרש אז יוסף האט געטון א עולה מיט דעם וואס ער האט געזאגט 'כי אם זכרתני והזכרתני', איז יוסף יא דער בעל בטחון אדער נישט.

נאר לפי ערך די דרגה אין קדושה פון יוסף הצדיק, האט זיך פארלאנגט פון אים א גרעסערע בטחון און ווייניגער השתדלות, 'השתדלות' איז תלוי לפי די דרגא פון בטחון וואס דער מענטש האט, און אזא גרויסער בעל בטחון ווי יוסף הצדיק, האט זיך פארלאנגט אז ער זאל טון ווייניגער השתדלות.

יוסף הצדיק וואס האט אלע יארן געהאט א טיפע הרגש אז ער איז צוגעגרייט פאר גדלות, וואלט נישט געקומען אז ער זאל זאך זיך מכניע זיין פארן שר המשקים, די גייסט דאך ווערן א וועלטס פירער, היתכן די גייסט זיך מכניע זיין און טון אזא נער'ישע השתדלות, א השתדלות וואס איז מער 'שפלות' ווי 'השתדלות'. א יוד וואס וויל אנקומען צו אזעלכע גרויסע זאכן, פאסט נישט זיך אראָפ צו לאזן צו אזא נישטיגע השתדלות פון זיך מזכיר זיין פארן 'שר המשקים'. אויב די השתדלות פירט נישט צום אמת'ן 'תכלית' וואס די דארפסט אנקומען, איז דאס נישט אין כלל פון חיוב השתדלות, ס'איז סתם שפלות בעלמא, אראָפלאזענדיג זיך צו א גארנישט.

## החכם לוחם עם הרעבון

פרשת מקץ לערנט מען פון א 'הונגער יאר', מצרים און די גאנצע וועלט האט געהאט א הונגער פאר זיבן יאר, און דער אייבישטער האט צוגעגרייט די ישועה פאר די מכה אז יוסף הצדיק זאל קומען קיין מצרים, און מיט זיין 'חכמה' זאל ער זיך שטארקן איבער די הונגער, אזוי איז די וועלט נישט אויסגעשטארבן פון הונגער.

הונגער איז א טבע אין די וועלט. ווען דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, האט ער באשאפן אויך צו עסן, די דריטע טאג איז באשאפן געווארן אלע צמחים פארן מענטש צו עסן, אבער ווען אדם הראשון האט געזונדיגט, איז ער געשאלטן געווארן מיט 'קוץ ודרדר תצמיח לך', וואס זונט דאן דארף דער מענטש צו לייגן א מורא'דיגע הארוואניע צו קענען האבן צו עסן, זונט דאן האט די וועלט מצד עצמה נישט קיין עסן, דער וועלט מצד עצמה איז אלעמאל הונגעריג, ס'מוז קומען דער מענטש און מיט זיין כח החכמה זאל ער זיך מתגבר זיין אויף דעם 'קוץ ודרדר תצמיח לך' (דורך די ל"ט מלאכות מחשבת).

דאס איז ביי נארמאלע אומשטענדין, אבער ווען ס'איז דא א הונגער יאר, ארבעט נישט די פשוט'ע חכמה פונעם מענטש, ס'פעלט זיך אויס א ספעציעלע חכמה צו קענען בייקומען אזא גרויסן הונגער, די וועלט איז צו הונגעריג, ס'פארלאנגט זיך ספעציעלע חכמות דאס בייצוקומען, וואס פארדעם האט דער אייבישטער געשיקט יוסף הצדיק אז ער מיט זיין גרויסע חכמה זאל קענען באקעמפן אזא הונגער יאר.

אין די וועלט'ס היסטוריא זענען געווען ריזיגע הונגער יארן וואס מיליאנען מענטשן זענען געשטארבן ל"ע, אין די לעצטערע יארן ווייסט מען נישט פון דער מושג 'הונגער יאר', די מאדערנע 'טכנלוגיה' און צוזאם ארבעט פון די מענטשהייט, האט זיך אביסל געשטארקט אנטקעגען הונגערס, נישט צו לאנג צוריק איז נאך געווען גרויסע הונגער יארן אויף די וועלט, אין טשיינע למשל איז געווען א הונגער - בערך צען יאר נאך די צווייטע וועלט מלחמה - ווי מיליאנען מענטשן זענען געשטארבן פאר הונגער, אין 'צפון קאריע' איז געווען א ריזיגע הונגער פאר נישט מער ווי פינף אין צוואנציג יאר צוריק, אבער אין די לעצטערע יארן איז אסאך ווייניגער, ברוך השם דער אייבישטער זאל האלטן זיין רעכטע האנט.

די טבע איז אז די חכמה פון די מענטשהייט בויט זיך, יעדער דור נעמט חידושים פון פריערדיגע דור, און לייגט צו אויף דעם זייערע אייגענע חידושים, און נאך אזוי פיל יארן האט זיך שוין די וועלט אויסגעלערנט פארשידענע חכמות צו באשוצן פון הונגער (בצד מה ליגט אין דעם אויך די חכמות פון יוסף, וואס יוסף האט דאן מחדש געווען אין די וועלט). ס'איז אסאך לייכטער היינט צו סטארידזשען צו עסן (פריזערס, פעסטרייזן וכו'), אויך איז אסאך גרינגער היינט צו ברענגן עסן פון איין מדינה צום צווייטן, און די גמרא זאגט דאך שוין אז אפילו אויב ס'איז דא א הונגער אין שטאט, ווילאנג מ'קען אבער ברענגן לייכט פון א צווייטע שטאט, הייסט עס נישט בגדר א הונגער (אויך אנטקעגן 'ארבה' איז דא היינט זאכן, מ'באשפריצט די אייערלעך פון די ארבה וכו').

## הרגשת הרעב

אין די היסטוריא איז 'הונגער יארן' געווען גאנץ שכיח, תנ"ך איז פיל מיט די מושג פון הונגער יארן, אויך מסכת תענית איז מיוסד פאר דעם, ווי אזוי א יוד פירט זיך בזמן פון א רעבון, תעניתים תפלות און הלכות וואס גייען אָן אין די שווערע יארן פון הונגער, פיל מעשיות פארציילט די גמרא וועגן הונגער יארן. און די חז"ל האבן אוועקגעשטעלט א פונקטליכע סדר מסודר וויאזוי מתפלל צו זיין אין א הונגער יאר, די ערשטע זמן די צווייטע זמן די דריטע זמן, און די משמעות איז אז ס'איז ליידער געווען גאנץ א שכיח'דיגע זאך, און פארדעם האט מען אוועקגעשטעלט אלע דרגות אין דעם.

די מציאות איז אז אונז קענען נישט פילן וואס מיינט א הונגער יאר, אזוי ווי א געזונטער מענטש קען נישט מרגיש זיין וואס דער חולה פילט, ס'לאזט זיך אים נישט גלייבן אז זיין שכן מאכט אזוי שטארק מיט, די זעלבע זאך איז צו ווייט פון אונז דער מושג פון א הונגער יאר. איינער וואס שלאפט גוט ביינאכט, קען נישט פארשטיין אז ס'איז דא מענטשן וואס קענען פשוט נישט שלאפן. א געזונטע נפש קען נישט פארשטיין דעם צווייטן וואס מיטשעט זיך בנפש. ווען א מענטש לעבט, קען ער נישט טראכטן פון זיין ירושה נאכן שטארבן (שכיב מרע שחילק נכסיו, ערשט פארן שטארבן פאנגט מען אן זיך צו דערמאנען צו צוטיילן ירושה).

די זעלבע זאך, אונזער דור קען נישט פארשטיין וואס דאס הייסט א הונגער יאר, ברוך השם 'אכשר דרא', ס'איז דא א עשירות און א שפע, און מ'קען נישט ארויסקוקן צו אנדערע מצבים, און דער אייבישטער זאל ווייטער העלפן מ'זאל עס קיינמאל נישט פארשטיין.

**פון די אנדערע זייט איז ארויף געקומען א נייע סארט 'הונגער יאר', מענטשן פילן היינטיגע צייטן א מורא'דיגע הונגער בנפש, מענטשן זענען היינט אויסגעמאגערט און אויסגעדראשט און אויסגעדראשן בנפש**

איז דאס איז געווען די חידוש פון יוסף הצדיק, יוסף הצדיק האט יא געקענט ארויס קוקן פון די מציאות פונעם ארום, אין מצרים איז געווען א גרויסע שפע, אבער ער האט געקענט ארויסקוקן צו זען אויף דער ווייטענס, ער האט שוין יעצט געקענט מרגיש זיין די מצב פונעם הונגער בעתיד.

און די שורש קומט פון דעם וואס יוסף הצדיק האט געהאט גוטע זאטע יארן ביים טאטן אינדערהיים, זייענדיג דעם טאטנ'ס ליבלינג, און נאכדעם איז ער אריינגעפאלן אין אזא שווערע מצב, ער האט געהאט אין זיך ביידע הרגשות, די הרגש פון גוטע צייטן און פון שלעכטע צייטן, ס'איז געווען אפען פאר אים די פילינגס סיי פון די זאטע יארן און סיי פון די הונגער יארן. און מכח דעם האט ער געקענט אויך אין די זאטע יארן, טראכטן פון די הונגער יארן, ער האט געהאט די געפיל און די עקספיריענס פון ביידע אין זיך.

פרעה איז ארויס פון די כלים הערנדיג די פתרון פון יוסף הצדיק, צומאל כאפט זיך ארײן אזא מחשבה'לע, וואס איז די גרויסע חידוש פון די פתרון פון יוסף הצדיק, איך וואלט דען נישט געקענט אזוי פארטייטשן, זיבן פעטע קוען און זיבן מאגערע קוען, זיבן זאטע און זיבן הונגעריגע יארן. איז באמת יעצט איז שוין נישט שייך צו חשבונ'ן, אז די ווייסט שוין דעם פתרון, קענסטו נישט טראכטן צו די וואלסט דאס אליינס געקענט טראכטן, צריך עיון, אויב די אלע חכמים דארטן האבן נישט געקענט, מסתם וואלסטו אויך נישט געקענט.

דאס וואס האט געכאפט פרעה איז געווען יוסף זעלבסט, ווען א צווייטער וואלט אזוי 'פותר חלום' געווען, איז נישט מוכרח אז ס'וואלט אים געכאפט. 'אין חכם כבעל נסיון', יוסף איז אסאך אדורך אין לעבן, יוסף האט געפילט זאטע און געשמאקע יארן ביים טאטן, און איינזאמע פארלאזטע יארן אין מצרים, ער האט געהאט דעם טיפן הרגש פון די צוויי זייטן, זאטע און געשמאקע יארן פון איין

המשך בעמוד הבא

זייט, און געפייניגטע אויסגעהונגערטע יארן פון די אנדערע זייט.

איז ווען ער האט צוגעפאסט א זאך איז עס געווען מיט די טיפסטע עקספּיריענס, נישט סתם חכמה פון קאפ ארויס, ס'איז געווען מיט די ריכטיגע אמת'ע הרגש, און דאס איז וואס האט געכאפט פרעה.

## קלקול בשדה

א הונגער יאר קומט פון א 'בצורת', אז ס'מאכט זיך פארשידענע פראבלעמען מיט די תבואה אויף די פעלדער, ס'פעלט וואסער, ס'פעלט רעגן, טייכן, אדער אנדערע זאכן וואס מאכן קאליע די תבואה, היישרעק, שדפון, מחלות (מחלות על התבואה), עכברים וכו', אויך מלחמות ברענגט אָן א בצורת, אין יעדער לאנד קענען זיך מאכן אנדערע זאכן, אנדערע פראבלעמען וואס קענען זיך מאכן מיט די תבואה.

אין 'ארץ ישראל' איז במיוחד געווען אסאך הונגערס אין די היסטאריע, ארץ ישראל האט נישט קיין גרויסע טייכן, אויך רעגן איז נישט דא דארטן א גאנצע יאר, נאר אנפאנג די וואונטער חדשים, און טאמער די רעגן פארשפעטיקט איז עס סכנות נפשות. (ובעיקר בזמן גלות, כמבואר בספרים אז בזמן גלות איז אויך די שפע פון ארץ ישראל בגלות).

בעצם האט ארץ ישראל גרויסע טייכן, די גרעניצן פון ארץ ישראל אין די תורה איז דער נילוס און דער פרת, 'מנהר עד הנהר', אבער למעשה ארץ ישראל וואס די יודן האבן געהאט, איז בדרך כלל נישט געגאנגען אזוי ווייט, אויך דער 'ירדן' איז עולה ויורד לפי די רעגן'ס, ווי ס'איז מבואר אין די פסוקים אין ספר יהושע, איז ווען ס'איז נישט געווען קיין רעגן'ס אין ארץ ישראל איז געווען גרויסע צרות.

אין מצרים איז די הונגער תלוי אין די 'נילוס', ווען ס'האט זיך געהויבן האט עס אלעס אנגעטרונקן, אויף ברייטע ווייטע שטחים, און ווען ס'איז געווען נידריג איז געקומען א הונגער ווי די חזל רעדן אסאך ארום פון דעם נילוס.

## רעב בנפש

די מענטשהייט האט אביסל אויסגעקעמפט די מושג 'הונגער יאר', די מאדערנע טכנולוגיה האט זיך מתגבר געווען אויף דעם בצד מה, אבער פון די אנדערע זייט איז ארויף געקומען א נייע סארט 'הונגער יאר', מענטשן פילן היינטיגע צייטן א מוראדיגע הונגער בנפש, מענטשן זענען היינט אויסגעמאגערט און אויסגעדראשט און אויסגעדראשן בנפש.

אזויווי ווען ס'איז דא א 'הונגער' בגוף, איז זיך דער גוף שטארק מצמצם, ס'פעלט איר עסן און טרינקן. די זעלבע איז ביים די הונגער בנפש, די 'נפש' איז אויסגעהונגערט פאר דעת און חיזוק, ס'פעלט איר מציאות'דיגע חלקים זיך משלים צו זיין, זי איז מורא'דיג מצמצום צופאלן און איינגעצויגן פון פיל הונגער.

אלץ פירט דער אייבישטער זיין וועלט, די וועלט האט שוין געמיינט אז ס'איז גענדיגט, די טכנולוגיה האט זיך מתגבר געווען און ס'גייט מער נישט זיין קיין הונגער יארן, אבער דא טרעפט מען זיך אז די נפש איז אויסגעהונגערט, די וועלט מיט אירע גרויסע מדינות און גרויסמאכטן פלאָגן זיך מיט א נפשיות'דיגער הונגער, דער אייבישטער איז בעל הבית, מ'קען נישט פון אים אנטלויפן. דער מענטש טרעפט פאטענטן און מעגליכקייטן אוועק צו נעמען די גשמיות'דיגע הונגער, און דער אייבישטער שיקט א מכה פון א נפשיות'דיגע הונגער.

ס'איז דא אז א מענטש פריוואט איז הונגעריג, און ס'איז דא אז א 'מדינה' איז הונגעריג, א הונגער יאר מיינט ווען א גאנצע מדינה איז הונגעריג, ווי ס'איז מבואר אין גמרא אין מסכת תענית אז טאמער איז דא הונגער יאר נאר אין איין שטאט איז דאס נאכנישט אזוי געפערליך, 'נהרא אנהרא בצורת', מ'קען ברענגען דורך די טאך פון א צווייטע שטאט, אבער אויב אין די גאנצע מדינה איז נישט דא צו עסן, דאס איז א אמת'ע הונגער יאר, 'מדינתא אמדינתא כפנא', ס'איז נישט בגדר א הונגער יאר, נאר טאמער אין די גאנצע מדינה איז א בצורת.

איז מיט די 'רעבון הנפש' איז אויך אזוי, ס'איז דא א מענטש בפרטות וואס איז הונגעריג בנפש, און ס'איז דא א גאנצע מדינה וואס איז אויסגעהונגערט בנפש, די גייסט אין א מדינה און די זעסט ווי יעדער איז פאראחלשט פאר א גוט ווארט, צומאל איז דא א משפחה וואס איז אויס'געהונגערט, און צומאל איז דא א קהילה וואס איז מער אויסגהונגערט. פונקט אזוי ווי ס'איז געווען אמאליגע צייטן מיט די 'רעבון הגוף', די זעלבע איז היינטיגע צייטן מיט די 'רעבון הנפש'.

אין א 'הונגער יאר' איז דער מענטש גרייט זיך צו מבזה זיין פאר א ברעקלע ברויט, פאר א ברעקלע עסן וועט ער זיך אויסלייגן אויף די ערד. אזוי איז היינטיגע צייטן מיט די רעבון הנפש, פאר א משהו חיזוק איז א מענטש גרייט זיך מבזה צו זיין און טון פארדעם אלעס אין די וועלט, ס'הערשט א הונגער בנפש.

די הייליגע חז"ל זאגן שוין אז אין די פסוקי התורה טרעפט מען צען מאל א הונגער יאר, און די צענטער וועט זיין פאר משיח וועט קומען ווי די פסוק זאגט 'לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמוע את דבר ה''. צומאל ווערט דער פסוק געברענגט אין ספרים למעליותא, אז ברוך השם ס'איז דא א צמאון און א חשק פאר עבודת ה', אבער פשוט פשט רעדט די פסוק פון א מורא'דיגע חסרון, אז פאר משיח וועט קומען וועט זיין א מורא'דיגע מחסור אין עבודת ה', אז דער עולם וועט אויסגיין מחמת רעבון, נישט רעבון גשמי, נאר רעבון רוחני, ס'וועט נישט זיין אויסצוהאלטן די 'רעבון רוחני' וואס וועט דעמאלטס זיין.

זאל דער אייבישטער העלפן אז משיח זאל שוין קומען און אונז ארויס נעמען פון דעם רעבון, פון דעם הונגער יאר וואס הערשט אויפן וועלט אין די נפשות, און ער זאל אונז זאט מאכן איינמאל פאר אלעמאל.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות | **9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ב. +972-50-413-8477